# ביטערע פרעסט הויבט אן אויסערגעוועהנליכע קאלטע וואך אין ניו יארק

די וואך האט זיך אנגעהויבן מיט א ביטערע פרעסט זונטאג, מיט ווארענונגען אז עס וועט זונטאג נאכט זיין אזוי קאלט, צוליב ווינטן וואס וועלן בושעווען מיט א שטארקייט ביז 50 מייל פער שעה, אז מיט די קעלט און ווינט אינאיינעם וועט זיך שפירן ווי 24 גראד אונטער זערא, עס וועט זיין דער קאלטסטער "ווינט-טשיל" מאס זינט 93', ווען ניו יארק האט געהאט דעם "שטורעם פון יארהונדערט". מען האט ערווארט אז עס וועלן זונטאג-מאנטאג געשאפן פרישע קאלטקייט רעקארדס מעגליך אין 30 סטעיטס!

מוצ"ש האט געשנייט באלד 2 אינטשעס, האט עס אויך שווערער געמאכט דעם וועטער, סיי ווייל עס איז געווארן אייז זאפארט, און אויך ווייל דער ווינט בלאזט די פארפרוירענע שניי שטיקלעך וואס שנייט אין פנים.

אויב עס איז אזוי שטארק קאלט זונטאג, קען מען זיך נישט טרייסטן אז עס קומט ווארעמערע טעג ווייל א גאנצע וואך זעט אויס אז עס וועט זיין אויסטערליש קאלט.

איין שרייבער האט אראפגעלייגט אן איי אויף א סיידוואוק ווען עס איז געווען 24 גראד, וואס ווען עס איז הייס קלאפט מען אויף אן איי אויף א טעפל, און די זון קאכט אפ דאס איי. איצט איז דאס אייז גאנץ שנעל פארפרוירן געווארן, און פארבייגייער האבן געקוקט דערויף מיט וואונדער, וואס רוב פון זיי האבן נאך קיינמאל נישט געזען א פארפרוירענעם איי!...

אין ניו יארק, האט מען פארלאנגזאמט די סאבוועיס און א סאך פארן אונטער'ן "קאלטן וועטער פלאן", וו.צ.ב.ש., אלס לאקאלע, נישט עקספרעס, א.ד.ג.

ווי פארשטענדליך, ווארענען די געזונטהייט באאמטע אז אין אזא צייט טאר מען נישט זיין אינדרויסן אין די קעלט, איבערהויפט עלטערע מענטשן אדער גאנץ יונגע, אדער די וואס ליידן פון הארץ אדער אטעמען פראבלעמען. מ'זאל נישט "מאכן קיין חכמות", מ'זאל זיך נישט איינרעדן אז עס איז נישט אזוי געפערליך, מ'זאל נישט ווייזן קיין העלדישקייט, נאר מ'זאל אויספאלגן די פארלאנגען פון די געזונטהייט עקספערטן, און מ'זאל מקיים זיין מיט ווארעמקייט די מצוה פון ונשמרתם מאוד לנפשותיכם.

אויב מ'זוכט א טרייסט, זאל מען כאפן א בליק אויף די ניו ענגלאנד סטעיטס, וואו מען ליידט שוין וואכן פון בליזארד ווינטן און גרויסע שנייען. די וואך איז געקומען א פרישע בליזארד ווארענונג פון קאנעטיקוט ביז מעין, פאר די אלע שטעט וואס זענען נאענט צום ים, מיט א "פארשפרעכונג" פון 8 ביז 14 אינטשעס שניי אין די דרום טייל פון דעם ראיאן, און ביז 24 אינטשעס אין מעין, וואס דערנאך קומט א ביטערע פרעסט.

אין קעיפ קאד, מאסאטשוסעטס, (א וואקאציע פלאץ פאר רייכע לייט) קענען די ווינטן דערגרייכן ביז 75 מ.פ.ש., וואס ביי 75, הייסט עס שוין א האריקעין!

די ווינטער שטורעם ווארענונגען דערגרייכן אין די מערב ריכטונג ביז מישיגען און אהייא, וואו עס זענען שוין געווען עטליכע ערנסטע עקסידענטס אויף די הייוועיס פון מערערע קארס און טראקס, פאראורזאכענדיג אויך פאטאליטעטן.

אין באסאטן האט מען שוין א טאג פריער אפגערופן כמעט 400 זונטאג פלי רייזעס, קיין שום עראפלאן איז נישט געפלויגן אריין אדער ארויס פון באסטאן זונטאג צופרי, און מ'האט אויך אפגערופן אלע באן, באס און פערי רייזעס אין די באסטאן געגענט אויף זונטאג.

דאס אלעס קומט נאך די שווערע שנייען פון פריער, ווען גאנצע גאסן זענען געווען פארשנייט, ממש פאראליזירט.

דער גאווערנאר פון מאסאטשוסעטס האט מאביליזירט הונדערטער "נעשאנאל גארד" טרופן ארויסצוהעלפן מיט די שניי רייניגונג, און א לופט פלאטע באזע נעבן באסטאן איז געווארן דער צענטער פאר די שווערע מאשינען וואס זענען אריינגעקומען פון 8 אנדערע שכנות'דיגע סטעיטס, ארויסצוהעלפן.

אין געוויסע פלעצער, איז שוין איינגעפאלן דעכער פון שווערן אנגעלייגטן שניי. אין די אוניווערזיטעט פון קאנעטיקוט, האט מען מאביליזירט 12 ארבייטער אראפצושאוולען דעם שניי פון די דעכער ענדע פאריגע וואך, אין ערווארטונג פאר פרישע 8 אינטשעס שניי זונטאג. אויף איין דאך האט די ווינט אנגעבלאזן אויף איין פלאץ א שניי בארג פון 8 פיס הויך, נאסע שווערע שניי!

איינער פון די ארבייטער זאגט, אז זינט מיטוואך האט ער שוין פארלוירן 9 פונט, אדאנק די שווערע ארבעט אויף די דעכער...

אין ניו העמשיר איז מען באזארגט געווען איבער'ן דאך פון איינע פון די שולעס וואס אינזשעניר האבן עס געבויט מיט א שטארקייט צו קענען האלטן 44 פונט פער קוואדראט פוס, און נאך פאר'ן פרישן שטורעם פון די וואך האט שוין דאס געוויכט געהאלטן ביי ארום 30 פונט פער פוס.

דער שווערער ווינטער האט שוין אפגעקאסט הונדערטער מיליאנען דאלארן פארלוסטן פאר ביזנעסלייט, און מ'מאכט נאך אפילו נישט קיין גענויען חשבון, ווייל עס האלט אין איין קומען איין בליזארד נאכ'ן צווייטן.



מען ארבעט שווער צו שארן דעם שניי פאריגע וואך, אין מארלבארא, מאסאטשוסעטס.
דאס מאל האבן די וועטער עקספערטן יא צוגעטראפן. איבער 2 פיס פרישע שניי "באגראבן" טייל פון די ניו ענגלאנד שטעט, ברעכענדיג רעקארדס פון דעם בליזארד פון 78'. מ'האט אפגערופן הונדערטער עראפלאן רייזעס, אין באסטאן האט מען נישט געקענט פארן און מ'איז נישט געגאנגען צו די ארבעט, דעכער זענען איינגעפאלן פון דעם געוויכט פון 5 פיס אדער אפילו נאך מער שניי וואס האט זיך צונויפגעזאמלט אין ווינציגער פון 2 וואכן, און דער ווינטער איז נאכנישט פארטיג!...

*

קומענדיג צוריק צו ניו יארק, איז זונטאג געווען זייער קאלט א גאנצן טאג. צ.ב.ש. אין ברוקלין, איז 12 מיטאג געווען 22 גראד, אבער מיט'ן ווינט האט זיך געשפירט ווי איין גראד אונטער זערא.

אין אנדערע חרדי'שע געגנטער אויסער ניו יארק, איז אבער געווען קאלטער. צ.ב.ש. אין לעיקוואוד, איז געווען 16 גראד אבער עס האט זיך געשפירט ווי 7 גראד אונטער זערא, און אין מאנטיסעלאו איז געווען 7 גראד, שפירענדיג זיך ווי 21 גראד אונטער זערא. אין קרית יואל איז געווען 14 גראד, און האט זיך געשפירט ווי 8 גראד אונטער זערא.

נאך ערגערס האט מען פאראויסגעזאגט אויף ביינאכט, ווען עס וועט זיין ארום 2 גראד אין די שטאט ניו יארק, אבער מיט'ן ווינט וועט עס זיך שפירן ווי 22 גראד אונטער זערא! מ'האט שפאקולירט צי עס וועט זיך שאפן א נייער רעקארד, וואס דער אלטער רעקארד פון 1 גראד איז געשאפן געווארן אין 888'.

אויף מאנטאג האט מען פאראויסגעזאגט זוניג און זייער קאלט, דאס ווארעמסטע וועט זיין 21 גראד און דאס קאלטסטע 14 גראד, אבער מיט'ן ווינט וועט עס זיך שפירן ווי בלויז 6 גראד.

אויף דינסטאג האט מען שוין פאראויסגעזאגט אביסל א מילדערער וועטער, צווישן 19 און 25 גראד, און אפילו מיט'ן ווינט וועט אויך זיין אויסצוהאלטן, 11 ביז 19 גראד, נאר מ'האט ערווארט אביסל שניי, מעגליך ביז 3 אינטשעס, וואס איז נישט אזוי געפערליך סיידן עס איז ביטער קאלט און דער שניי ווערט שנעל פארוואנדעלט אין אייז.

מיטוואך קען שוין נאכאמאל זיין ביינאכט זייער קאלט, בלויז 12 גראד, אבער מיט'ן ווינט וועט עס זיך שפירן ווי 12 גראד אונטער זערא, וואס אזוי ווי מ'ערווארט אביסל שניי-רעגן בייטאג, האט מען נאכאמאל די זארג אז עס זאל נישט ווערן אייז.

דאנערשטאג ווערט נישט בעסער. דאס העכסטע וועט זיין 21 גראד אבער מיט'ן ווינט וועט עס זיין ווי בלויז 2 גראד, דאס נידריגסטע ערווארט מען 7 גראד, וואס מיט'ן ווינט איז עס ווי 18 גראד אונטער זערא.

הקיצור, עס קומען א פאר עכט-ווינטערדיגע פרעסטיגע טעג, און ווי פריער געזאגט, איז בעסער אין אזא צייט ווי ווייניגער צו זיין אין די קעלט.




